**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/29/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אקציעס צו העכערן צוטריט צו עסנווארג הילף פאר עלטערע מענטשן און דיסעיבעלד

***ענדערונגען רעכענען אריין גרינגער מאכן סופלעמענטאל נוטרישען הילף פראגראם אפליקאציע און פארלענגערן צייט אפשניט פאר באקומען בענעפיטן***

***באמיאונג געצילט אויף צו העלפן בארעכטיגטע עלטערע מענטשן אויסצומיידן עסנווארג-נויט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן ענדערונגען געצילט אויף דערמוטיגן מער עסנווארג אומזיכערע עלטערע און דיסעיבעלד מענטשן זיך איינצושרייבן אין דעם סופלעמענטאל נוטרישען הילף פראגראם. די ענדערונגען נעמען אריין גרינגער מאכן די SNAP אפליקאציע, פארלענגערן די צייט אפשניט וואס די הויזגעזינדער קענען באקומען בענעפיטן בעפאר דארפן ווידער-באשטעטיגן, און עלימינירן די פאדערונג צו קומען פאר אן אינטערוויו פאר די ווידער-באשטעטיגונג פראצעס.

"ניו יארק׳ס סיניאָר און דיסעיבּעלד קאמיוניטיס זענען שווער באטראפן געווארן דורך דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, און דאס פירט צו עסנווארג-נויט אין געוויסע פעלער און עס ערגער מאכן אין אנדערע פעלער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ערלויבן גרינגערע צוטריט צו SNAP בענעפיטן פאר די גרופעס וועט העלפן לינדערן די דרוק און אנגעשטרענגטקייט. קיינער זאל נישט דארפן זיך וואנדערן ווען זייער נעקסטער מאלצייט וועט קומען און איך בין שטאלץ צו נעמען די שריט אוועקצונעמען די צווימען וואס האלטן אפ עלטערע און דיסעיבּעלד מענטשן אויף באשטימטע איינקונפט פון האבן צוטריט צו עסנווארג בענעפיטן וואס קען זיי העלפן לייגן עסן אויפ׳ן טיש."

דער יו-עס דעפארטמענט פון אגריקולטור האט באוויליגט די סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַבּיליטי הילף, וואס אדמיניסטרירט SNAP אין ניו יארק, אנצובאטן א מער איינפאכע אפליקאציע. די פארקירצערטער אפליקאציע פארעם קען געניצט ווערן סיי פאר זיך ווענדן צום ערשטן מאל פאר SNAP און סיי פאר זיך שפעטער ווידער-באשטעטיגן און דורכדעם גרינגער מאכן דעם פראצעס פאר קוואליפיצירנדע עלטערע און דיסעיבּעלד. הויזגעזינדער דארפן איצט בלויז אויספילן אן איינציגע בויגן אפליקאציע, פארנט און הינטן, וואס טוט שטארק רעדוצירן די צייט און באמיאונג פארלאנגט זיך צו ווענדן פאר בענעפיטן אדער ווידער-באשטעטיגן.

אנגעהויבן אין דעצעמבער, וועלן בארעכטיגטע ניו יארקער אויך קענען ווידער-באשטעטיגן זייערע בענעפיטן פאר 36 חדשים — 12 חדשים לענגער ווי די פריערדיגע צייטליניע פאר ווידער-באשטעטיגונג. אין צוגאב וועלן אפליקאנטן מער נישט זיין פארלאנגט אויסצופילן אן אינטערוויו צו ווידער-באשטעטיגן זייערע בענעפיטן — אפטמאל איינע פון די גרעסטע שטערונגען צו ערפאלגרייכע ווידער-באשטעטיגונג.

טראצדעם וואס ניו יארק פירט דעם לאנד אין SNAP אנטיילנעמונג צווישן ערוואקסענע איבער 60, איז אבער די ראטע נאך אלץ נידעריגער ווי די סטעיט׳ס אלגעמיינע דורכשניט. בערך 70 פראצענט פון בארעכטיגטע עלטערע און דיסעיבּעלד מענטשן זענען איינגעשריבן צו באקומען בענעפיטן, וואס איז באדייטנד נידעריגער ווי די סטעיט-ברייטע אנטיילנעמונג ראטע אפשאצונג פון אומגעפער 89 פראצענט.

איין פירנדע סיבה פארגעשלאגן פאר דער נידעריגערע אנטיילנעמונג איז די לענג און קאמפליצירטקייט פון דעם פארעם פאר SNAP. די רעגולערע אפליקאציע רעכנט אריין ניין בלעטער פון פראגן און אינפארמאציע געאייגנט אויף צו באשטימען א הויזגעזינד׳ס בארעכטיגקייט. וויבאלד פילע עלטערע און דיסעיבּעלד מענטשן לעבן אויף באשטימטע איינקונפט און אין אלגעמיין מאכן מיט ווייניגער הויזגעזינד ענדערונגען, פארלאנגט זיך פיל ווייניגער אינפארמאציע פעסטצושטעלן זייער בארעכטיגקייט און אויסרעכענען בענעפיטן.

אין צוגאב ווייזן שטודיעס אז באזארגן SNAP בענעפיטן פאר די וועלכע זענען איבער 65 רעזולטירט אין בעסערע געזונטהייט תוצאות. עס איז פארהאן א דירעקטע פארבינדונג צווישן SNAP און פארמינערטע לאנג-טערמיניגע אויפפאסונג, געזונטהייט קאסטן, און עמערדזשענסי באזוכן. דאס באקומען SNAP בענעפיטן ערמעגליכט אויך פאר די וועלכע זענען 65 יאר און העכער צו פאקוסירן זייערע באגרעניצטע מיטלען אויף באצאלן פאר אנדערע געווענטליכע געברויכן, ווי צום ביישפיל פרעסקריפשענס און רענט.

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי עקזעקיוטיוו דעפיוטי קאמישענער בארבארא סי. גווין האט געזאגט,** "דורך גרינגער מאכן זיך צו ווענדן פאר SNAP בענעפיטן און זיי אנהאלטן קענען מיר דערמוטיגן א גרעסערע צאל אומבאשיצטע ניו יארקער לייגן געזונטע, ערנערנדע עסנווארג אויפ׳ן טיש. איך אפלאדיר גאווערנער האקול׳ס פירערשאפט אין פארזעצן ווייטער צו העלפן נאך מער הויזגעזינדער אין דעם סטעיט צו האבן צוטריט צו קריטיש-וויכטיגע SNAP בענעפיטן."

**דירעקטאר פון אפיס פאר פארעלטערטע גרעג אלסען האט געזאגט,** "פאר עלטערע מענטשן איז עסנווארג-נויט פארבינדן מיט כראָנישע קראנקהייטן און אומפעאיגקייט, וואס איז די סיבה פארוואס ערנערונג איז געווען א הויפט פאקוס פון אונזער פאנדעמיע אפרוף באמיאונג. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול האבן מיר באדייטנד פארברייטערט היים-געליפערטע מוסטערן איבערצוקומען עסנווארג נויט אפהאלט-סיבות. דער גאווערנער איז אויך געווען א פירער אין מאקסימיזירן SNAP בענעפיטן און סופלעמענטאל עמערדזשענסי הילף פאר אלע ניו יארקער וואס שטייען אויס הונגער. די פאנדעמיע פארלאנגט ווייטער אז מיר זאלן זיך זעהן צו האלטן פלינק עס זאל אנקומען הילף צו די וועלכע נייטיגן זיך דערין די מערסטע. איך בין שטאלץ צו שטיין מיט גאווערנער האקול אין ליפערן די וויכטיגע פראגראם ענדערונגען צו גרינגער מאכן דער אפליקאציע פראצעס און פארזיכערן אנגייענדע עסנווארג הילף פאר עלטערע מענטשן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418